בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה

דִי פָּאלִיצֵיי קוּמֶען אַרַיין אוּן שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: ״הוֹיבּ אָן רֶעדְן, אוּן אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט רֶעדְן - הָאבְּן מִיר אַ וֶועג דִיךְ צוּ מַאכְן רֶעדְן!״ דֶער צַדִיק דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים אוּן עֶר הִיט אִים.

דִי רוּסְן יִמַּח שְׁמָם, דִי קַאמוּנִיסְטְן, הָאבְּן גֶעוָואלְט אוֹיסְרַייסְן דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן פַארְמַאכְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, אַלֶע חֲדָרִים אוּן זֵיי הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רַיַי״ץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רַיי״ץ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זַיין נָאמֶען רֶ׳בִּי יוֹסֵף יִצְחָק). מֶען הָאט אִים גֶעהַאלְטְן אִין תְּפִיסָה, אִים גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶעפַּיינִיגְט, אָבֶער דֶער צַדִיק מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, מֶען קֶען אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, עֶר וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים.

עֶס קוּמֶען אַרַיין דִי פָּאלִיצֵיי אוּן זָאגְן פַארְן צַדִיק: ״מִיר הָאבְּן אַ טוֹי (שְׁפִּילְצֵייג) וָואס הָאט שׁוֹין גֶעמַאכְט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן

רֶעדְן״; דֵיי הֵייבְּן אָן לַאכְן, אֵיינֶער צִיט אַרוֹיס אַ רִיזִיגְן בִּיקְס אוּן לֵייגְט עֶס צוּ צוּם שְׁטֶערְן פוּן צַדִיק אוּן זָאגְט אִים: ״אָדֶער גֶעבְּסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶער, אַז נִישְׁט – שִׁיס אִיךְ דִיר צוּם טוֹיט״.

דֶער צַדִיק וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן; עֶר לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה. עֵר זָאגְט פַּאר דִי רוֹצְחִים: ״דֵער בִּיקְס קֶען דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אִין אֵיין וֶועלְט אוּן הָאט אַסַאךְ גָאטְן, אָבֶער דֶער אִיד וָואס גְלֵייבְּט אִין צְוֵויי וֶועלְטְן, אוּן וֵויסְט אוּן גְלֵייבְּט עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין גָאט – אִים קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן״.

דֶער צַדִיק אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה אוּן וַוייטֶער אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שְׁטִילֶערְהֵייט יְשִׁיבוֹת אוּן חֲדָרִים אוּנְטֶער דִי רִיקְן פוּן דִי רוּסְן, דִי קָאמוּנִיסְטִישֶׁע רוֹצְחִים, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה? דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱמוּנָה; דֶער וָואס



הָאט אֱמוּנָה קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, עֶר לֶעבְּט אוּן וֵויסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אִים אוּן עֶר בְּלַייבְּט גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**גענומען פון ספר ״עצתו אמונה״**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1